# היימישע פליאטקעס

## פונאַנדערגעבלאזען פון „קונדס"

ווי בעוואוסט, איז דער רעדוציירטער מיניס־טער מאַטושעווסקי געוואָרען רעדאַקטאָר פון דער צייטונג „גאַזעטא פאָלסקא". די חברים רופען איהם איצט „העד רעדאַקטאָר".

---

אַ פראַנצויזישער פאָליטיקער, וואָס האָט גע־ווילט אין לאָדז, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז אין דער צייט פון אַ גאַז־קריג, האָבען די לאָדזער מענשען נישט וואָס מורא צו האָבען, וואָרום אַ דאַנק די פאַבריקס־קוימענס איז מען געוואָרען צו־בעוואוינט צו סם־גאַזען.

---

ווי דער „קונדס" דערוואוסט זיך, וועט אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן שטרייק פון די שטעטישע סע־זאָן־אַרבייטער, דער מאַגיסטראַט זיך ווענדען צו קאָמיסיע פון קאַלענדאַר־רעפאָרם ביי דער פעל־קער־ליגע מיט אַ פאָרשלאַג, צו ענדערען דעם קאַלענדאַר אַזוי, אַז יעדער חודש זאָל האָבען מינ־דעסטען 60 טעג.

—=):O:(=—

# דאס ווייב און דער סיים־רעגולאַמין

## א שמועס אין קאַליע־גאָרטען

כ'בעט דיך, משה אהרן, דו ווייסט נישט, צי ראָס רעדען־בעגרענצונג אויף 15 מינוט איז נאָר חל אויף סיים־דעפוטאַטען, צי אויף אַנדערע מענ־שען אויך?

— אַוודאי נאָר פאַר סיים־דעפוטאַטען.

— אַ שאָד, וואָס מיין חנה דבורה איז נישט קיין סיים־דעפוטאַט, וואָרום איהר פיסקעל פער־מאַכט זיך נישט פון בעגינען ביז שפעט ביי נאַכט.

---

# מוסאליני האָט אים געראַטעוועט

## זאָל זיין פון א קאזאק אבי צום לעבן

אין איטאַליען איז איינער אַריינגעפאַלען אין אַ טייך און זיך גענומען טרינקען. ער האָט כסדר גערופען הילף און קיינער איז נישט געקומען צו הילף.

זעהענדיג, אַז ס'איז שלעכט, האָט ער מיט די לעצטע כוחות אַ געשריי געטון:

נידער מיט'ן פאַשיזם!! נידער מיט מוסאָ־ליני!

אין דעם מאָמענט זענען אויסגעוואַקסען צוויי שיפען מיט זשאַנדאַרמען, און אין ניין מינוט שפעטער איז ער שוין געזעסען אַ לעבעדיגער, אַ געראַטעוועטער פון טויט.... אין דער טורמע...

---

# אַזוי צי אַזוי

אַמאָל האָט דער רבי געשלאָגען, אַז מ'האָט נישט געוואָלט לערנען. היינט שלאָגט מען, ווייל מ'־ווויל לערנען.

—=:X:

# דער ענדעק שלייפט די צונג



ענדעטישער רעדנער: שוין עטליכע יאהר, ווי מיין צונג ליגט איז קינפעט. איצט דאַרף מען זי שלייפען געגען די זשידעס

# אויפ'ן פיש־מארק

## אונטערגעהערטער שמועס

יודענע (צו דער פישערקע): ערקלער'ען זי מיר, יענטעל, וואָס איז דער שכל, וואָס טויטע פיש זענען טייערער פון די לעבעדיגע? לעבעדיגע פיש קאָסטען 2.50 אַ קילא, און פאַר טויטע הייסען זי זיך געבען 3 זל. אַ קילא?

פישערקע: זי ווייסען נישט, גילדענע, אַז היינט איז אַ וועלט, וואס די לעבעדיגע זענען מקנא די טויטע?....

בר—נש.

---

# איז אַן אינטער געסעל

טאַטע (צום זוהן מיט אַ וואַליזע אין דער האַנד): הער מיך אויס יומע, דו לאָזט דיך איצטער אַרויס אויפ'ן ערשטען „שפרינג", טאָמער וועט מען דיך נישט „שוכערן" און ס'וועט זיך דיר איינגעבען אַ „מאַסמאַטען", טאָ געדענק אין דיין טאַטע־מאַמע, וואָס האָבען דיך אויפגעכאָוועט, זאָלסט ווערען אַ ליטישער „לעקעך"!

זוהן: טאַטע, די פּראַ זאָל מיר אַזוי דינען, ווי איך על גיין אין דאַנע דערוכים.

—=):O:(=—

# דער „חשבון" שטימט נישט

## צווישען „קאַלעזשאנקעס

ערשטע: אַך, ווי די צייט לויפט. אין אַ וואָך אַרום ווער איך שוין 19 יאָהר.

צווייטע: און איך ווער שוין 18 יאָהר.

ערשטע: ווי אַזוי? דו ביזט דאָך פון מיר מיט 2 יאָהר עלטער, און דו ביזט דאָך שוין גע־וואָרען 28 יאָהר?!...

# אוי די אַלמנות!

— האָסט שוין חתונה געהאַט?

— חתונה געהאַט.

— מיט וועמען?

— מיט אַ רייכע אַלמנה.

— נו, וואָס?

— נו, דאָס! איצט פערשטעה איך, פאַרוואָס ביי אַ ווילדען אינדישען שבט, אַז ס'שטאַרבט אַ פערהייראַטער מאַן, פערברענט מען די אַלמנה...

# ווען...

— ווען רעגינא צוקער וואָלט געהאַט אַ שטי־מע, וואָלט זי געקענט זינגען.

— ווען דער רעטונגס־קאָמיטעט וואָלט געהאַט געלד, וואָלט עס געווען אַ פיינע אינסטיטוציע.

— ווען אין „לינת הצדק" וואָלט געווען שלום, וואָלט מען נישט אַלע מאָנטאָג און דאָנערשטאג געמאַכט קיין גענעראַלנע זעבראַניעס.

— ווען די „ווילנער טרופע" ווערט געהאָלפען כאָטש מיט נאָך איין „גולם", וואָלט זי זיך אויס־געגלייכט די ביינער.

— ווען זניטש וואָלט געהייסען וועלוועל אָדער פנחס, וואָלטען די יודישע מעלער מיט איהם נישט געמאַכט אַזאַ צימעס.

— ווען „לינת החולים" וואָלט נישט געהאַט קיין קימפעטאָרין־קליניק, וואָלט זי נישט „געווינען" אַזאַ סימפאַטיע.

— ווען דער סוחרים־פעראיין, וואָלט אַרויס־געגעבען אָהנפּראָצענטיגע הלוואות „על מנת שלא להחזיר" — וואָלטען די מיטגלידער בעצאָהלט מיט־גלידס־ביישטרא. אויך...

ווען די ענדעקישע סטודענטען וואָלטען זיך געוואָלט אַזוי בעגרעניצען מיט אַקאַוויט, ווי זיי ווילען זיך בעגרעניצען מיט יודען, וואָלט פוילען אַ סך בעסער געשטאַנען.

בייליד

צו דער מפלה פון דער

ב. ע.

לייבאר־פארטיי

דריקען מיר אויס דעם טיפסטען בייליד אין אייער „פערווירקליכען" די באַלפור־דעקלאַראַציע זאָלט איהר אייער טרייסט געפונען!

דער „קונדס".

# דער קונדס

● הומאר

● סאַטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

פרייטאג, דעם 13 נאוועמבער 1931 ● ביילאגע צום פרייטאג־נומער 263

# געוואלד, א סטודענט געהט!..



יוד (פון זיין אבסערוואַציע־פונקט): איך זעה אַ גרין היטעלע, אויב אונטער דעם גרינעם היטעלע, איז אַן ענדעקיש פרצוף דאַרף מען בעצייטענס מאכען פליטה



אויבען : געדענק - טאָג נאָך די קריגס-געפאַלענע אין מינכען.
פייערונג ביים דענקמאָל פאַר דעם אַרמעי-מוזעי.



אינדערמיט : גענעראַל-בליכער זאָל צוליב די גע-שעהענישען אין מאַנדזשוריען איבערנעהמען די אויבערקאָמאַנדע איבער דער מזרח-אַרמעי.

אונטען : די דענישער מאָטאָר-שיף „האַוועט" זינקט ביי סווינעמינדע.



דער אָנפיהרער פון דער פעסער-פעלשער-צענטראַלע אין וויען, ווילי קלאָוס.



# ריזיגער תבואה-הויז



# אין טשיקאַגא

צום 80 געבורטס-טאַג פון דייטשען ליטעראַטור-היסטאָריקער



# פּראָפ. דר. עדוואַרד ענגעל



איינדרוקספולער קריגס - דענקמאָל אין ווירצבורג



אויבען. פייערליכע ערעפנונג פון אַ נייער בריק אין ניו-יאָרק.
די בריק האַלט 1450 מעטער לאַנג און איז די איינציגאַרטיגע קאָנסטרוקציע אין דער וועלט



אינדערמיט : צום 100-טען יאָהרצייט פון פילאָזאָף פרידריך ווילהעלם העגעל.

אונטען : דער קאָכעמער באַרג געהט... צוליב די גרויסע גוס-רעגנס רייסען זיך אָפּ שטיקער באַרג און פערשיטען די אין טאָל שטעהענדע הייזער.





ציישט געלונגענער אַטענטאַט אויף דעם כי-נעזישען עקס - קייזער.





אויבען : לאַוואַלס צוריקקומען קיין פאַריז. דער פייערליכער קבלת־פנים צוליב לאַוואַלס צוריקקו־מען פון אַמעריקאַ

אינדערמיטען: לאָיד דזאָשרדוש זאָגט זיך אָפּ אַלס פאָרזיצער פון דער ליבעראַלער פאַרלאַמענטס־פראַקציע צוליב דעם נייעם קורס פון דער ליבעראַלער פאַרטיי מיט וועלכען ער איז נישט איינפערשטאַנען.

אונטען : פראַנצויזישער אַעראָפּלאַן אַריבער די דייטשער גרעניץ און ווערט פערהאַלטען דורך דייטשען.





פער דער ערעפנונג פון אַמעריקאַנישען פאַרלאַמענט.

דאָס בילד ווייזט ווי אַזוי יעדעס יאָהר אײדער דער פאַרלאַמענט ווערט געעפענט ווערט דער פאַרלאַמענטס־בנין גערייניגט. דאָס רייניגען קומט פאָר מיט דער הילף פון פייערוועהר - שלאַוכען.



דאָס וואַנדערענדע הויז.

אין באָסטאָן (אַמעריקאַ) ווערט צוליב'ן דורכשניידען אַ נייע גאַס איבערגעטראָגען אַ גאַנץ הויז. דאָס הויז ווערט אויף ראָללען שריט ביי שריט איבערגעפירט אויף אַ צווייט אָ־ט





אויבען : דעמאָנסטראַציע פון ציפּערנישע היימאַטס־פערבאַנדען אין לאַנגאַרקאַ.



אינדערמיטען : דזשאָרדזש לאַנסבורי , דער נייער פאָרזיצענדער פון דער אַרבייטער־ פראַקציע אין ענגלישען פאַרלאַמענט.

אונטען : ערשטע אויפנאַהמע פון דער גרובען־קאַטאַסטראָפע ביי עדינבורג.



